# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Lider (Poems)


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/6kb2374p

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)



### Author
Vaserman (Wasserman), Leyb (Leib)



### Publication Date
1979

Peer reviewed



eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייב וואַסערמאַן

# לידער

## 1. ביי מיר

ביי מיר איז בראשית,
אמת און שבת.
איך באַריר
אַלע טעמעס
פון די באַשעפעניש.
דער המשך איז שפעדיק,
כוללדיק און ווינטיק.
ביי מיין טיש
פאַרזיכערן זיך
אַלע זעלן.
מיר צעשטעלן,
אַלע געשעעניש
אין זייערע שעהן.
און כאַטש די זעלן
זיינען הויל פון לעבן,
בין איך
דער פאַרהוילנסטער,
דער נישט אַנגעזעענסטער זיווג.
כ'רוק זיך
צום קלענסטן ווינקל,
כדי קיינמאָל נישט
פאַרוועלקן.
כ'וועל איבערוואַרטן
אין נאָך אַ דאַכטעניש.
אין אַן ענדיקע נויטן,
כדי רעדן אומענדלעך.

## 2. ווען...

ווען וועסטו פאַרווענדן דאָס ליד?
דיין אומעט גייט צו גרונט.
די ווידוי איז אומענדלעך—
און ניט פאַרשריבן.
דיין מאָרגן טראָגט
אויף אַ באַרג פאַפירן.
פירנדיקע פערזן,
וואַלגערן זיך פאַרלאָזן.
דיינע גענג
פייערן ניט עפנטלעך.
דיין דור
פאַרוועגדט ניט דיין וואָר.
פאַרדייעט ניט דיין דויער.
ווערסט איינציקער
און איינציקער
און דער סוף ווערט ליידיק —

## 3. די רינגען

די רינגען,
וואָס זאָלן אונדז ביידע
צוזאַמענהאַלטן,
זיינען נאָך אַלץ איינגעדרימלט.
אַז סע שטעלט זיך אין מיר איין
אַ פונק פון שטילקייט,
מיין איך, אַז איך גיי
זיך פאַראייניקן מיט עפעס.
אַז איך ווער
פילבאַר
פאַר אַ פאַרהוילעניש.
ס'זיינען דאָ
אַזוי פיל טויטן
צווישן די אייביקייטן,
אַז דער ספק
איז תמיד אַנגעצונדן.
דערפאַר
איז עפעס תמיד אין מיר דין,
צו זיך אַנבינדן
אין נאָך אַ וועזן.

משה שקליאַר

# „וואָס איך האָב געלייענט פאַר די טויטע"

אַ לידער־בוך וועגן וואַרשעווער געטאָ, דערשינען אין פוילן

פאַראַיאָרן צום 35סטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז אין וואַרשע דערשינען אַ זאַמלונג לידער פון פויליש־יידישן דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל, וועלכער איז אומגעקומען בעתן געטאָ־אויפשטאַנד. די לידער, אַרויסגע־געבן דורכן „מלוכהשן פאַרלאַג אינסטי־טוט", האָט צונויפגעזאַמלט און באַאַרבעט אירענאַ מאַטשעיעווסקאַ, און זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן, אַז וועלכע עס זאָל נישט האָבן געווען די סיבות פון אַרויס־געבן דאָס בוך (פּראָפּאַגאַנדע פאַר אויס־לאַנד, באַווייזן די „יידן־פריינדשאַפט" פאַר די הונדערטער געסט וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע לענדער צו די געטאָ־פייערונגען, אָדער אַנדערע סיבות) איז די זאַמלונג צונויפגעשטעלט געוואָרן מיט פּיעטעט פאַרן אומגעקומענעם דיכ־טער. עס איז כמעט אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע אין וועלכער די צונויפשטעלע־רין האָט אַריינגענומען אַלץ וואָס וולאַ־דיסלאַוו שלענגעל האָט געשאַפן אין דער צייט ווען ער האָט זיך געפונען אין דער וואַרשעווער געטאָ, פון סאַמע אָנהייב ביז זיין טראַגישן טויט אין אַפּריל 1943, אינעם בונקער אויף שווענטאָיערסקאַ גאַס נומער 36, חוץ איין ליד וועגן וועלכן עס וועט זיין אַ רייד שפּעטער.

דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַן אויס־שעפּיק פאָרוואָרט פון אַן ערך 30 זייטן, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ מאָטאָ פון אברהם סוצקעווער, מיט אַ נאָכוואָרט פו־נעם רעדאַקטאָר, אויפקלערונגען וועגן באַזונדערע לידער, ווען זיי זענען אַנט־שטאַנען און די געשעענישן צו וועלכע זיי האָבן אַ שייכות.

דער טיטל פונעם בוך — „וואָס איך האָב געלייענט פאַר די טויטע" איז שלענגעלס.

## 4. מיין אַרב

ג־ט,
מיין אַרב איז חלום.
דאָס ליד איז הימלאָז און הייליק.
גיב מיר מיין שטעקן
און מיין שטילקייט.
מיין ברויט און מיין שגעון.
דער אומעטיקער מהלך
איז פול מיט מאַכט.
דער דראַנג איז אויסגעשטערנט.
אַן אַרטלאָזע רו
באַנייט מיין שאָטן,
דינט אויס מיין פּנים.
כ'וועל גיין, ג־ט,
אָפּפרישן מיין שווייגן.
זיך וואַרעמען ביי דיין וואַר,
גוסען ביי דיין גאָב.

## 5. אַ גאַנץ לעבן

אַ גאַנץ לעבן,
אַז איך דערמאָן חלומות
און פאַרשווינדענישן.
אָפּגעשלאָפענע שטופּעס
פון מיין געשטאַלט.

ווי לאַנג
וועל איך נאָך אויסחלומען
מיין חותם ?
זיך נאָכשלייכן
נאָך זיך אַליין?